# א. מ. ווייסענבערג

1.

„ווי רואיק, ווי רואיק" — „מיט קינסטלערישער רואיקייט" — „עס פעלט אים רואיקייט" — אזוי רעדט מען, שרייבט מען ביים אפשאצן קונסט־זאכן.

געוויינלעך פארשטייט מען אונטער דעם: פארזיכטיקייט, נישט איבערגעאיילטקייט, געלאסנקייט אין אלע באוועגונגען. נישט־פאר־פעלטקייט אין פרעציזירן יעדן פרט פאר זיך. און צוזאמען דערמיט: דאס נישט ארויסלאזן פון אויג די סטרוקטורעלע גאנצקייט.

דאס איז געוויס ריכטיק. פגמים מוזן ווי מעגלעך ווערן אויס־געמיטן. א ווילדער עפלבוים וואלט עס געוועז, ווען אויף אים זאלן ארויסוואקסן רעטעכער; צווישן ווייטרויבן גייט נישט אויף קיין כריין; אויף אן אויסשטעלונג פון שיינהייטן קאנען נישט געוויזן ווערן קיין קריפלס.

ערשט נאך עפעס. נישט געגנוג וואס דער שאפער אליין ווייסט, און אים איז באשיינפערלעך די געקייטלטקייט פון זיין אויסדרוק־טע־טיקייט. אויך דער פרעמדער, וואס דערנענטערט זיך, מוז ווערן צו־געפירט צו דער טיר, פון וואנען עס שפאצירן ארויס, לויט דער ריי, אנהייבן און מיטנדיקייטן און ענדונגען. אויב איינס אדער איניקע טיילן פון זיי זיינען צו קליין און פארגישטיקן זיך צווישן די אנדערע, אדער — צו גרויס, און זיי פארשטעלן די אנדערע, איז די מסורה־

דיקייט איבערגעריסן. דער וואָס קומט זיי באַטראַכטן, פאַרלירט זיך אין דעזאָריענטירטקייט.

איז דאָס שוין אַלץ? דאַכט זיך אַז — יאָ, אַז מען רעדט וועגן רואיקייט ביי קינסטלער, מיינט מען נאָך אפשר וויניקער: מער — געוויס נישט.

וואָלט איך אָבער געוואָלט, אַז דער רואיקייט־באַגריף זאָל ווערן מער פאַראינעוויייניקט און אָוועקגעשטעלט אונטער העכערן ליכט.

אַלץ איז גאַנג, איז לויף. און דעריבער: אַלץ איז שטאָף, וואָס זוכט זיין אויסזען.

באַוועגונג איז נישט גימנסטיק פאַר פּנים־באַווייזונג. אַז מען זעט אַ פּאַפּיר, אַ באַשריבנס מיט אותיות, אפילו מיט גרויסע, דיקע אותיות, דורכפירן זייער אייליק פאַר אייערע אויגן, וועט איר קיין איינציקן בוכשטאַב קלאָר נישט דערזען.

וואו ס'איז כסדרדיקע אומרואיקייט, אומאויפהערלעכע אַרבעט, זיינען פאַראַן פיל צורות, איבערגעליפערטע פון סעקונדע צו סעקונדע און אַלע מאָל פאַרענדערטע, ממילא, אין סך־הכל: אַ שטיק מטושטשדיקייט. פון איין צורה אַ גאַנצע, אַ בולטע קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין.

געשטאַלטלעכעס היבט זיך אָן ביי רואיקייט. שטייט אַן אויטאָמאָביל, האָט איר פאַר זיך מיט פּינקטלעכער גענויקייט דאָס געזיכט פון דעם קאָרפּוס, פון די רעדער, פון די גומענע רייפן, פון דעם שאָפער, פון דעם ציפער, אפילו דעם נאָמען פון דער פירמע. ביי אַ גייענדיקן אויטאָמאָביל וועט אייער בליק שוין עפּעס פאַרלירן. און וואָס שנעלער ער וועט גיין, אַלץ מער פון זיינע טיילן וועט איר נישט דערזען. און ווען ער וועט דורכפאָרן נעבן אייך מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, וועט איר דערבליקן בלויז אַ כאַאָטישע מאַסע. אַלע זיינע פאָרמען זיינען צעשוואומען געוואָרן.

רואיקייט איז פאָרם, אַמפאָרמלאָזסטן איז דער ווינט...

אַלע פלאַגערייען, אַלע קריגערייען, אַלע יאָגענישן, אַלע רייסענישן, אַלע שטרעבונגען, אַלע דערוואַרטונגען, אַלע אָפּגעהאַרטקייטן,

אַלע בלוטיקייטן, אַלע הילפלאָזע יללות, צאָרן־זידלערייען, נקמה־געשרייען — זײַנען חומר; די שטילקייט — איז צורה.

אַלע קולות מוזן ביים סוף זיך אויפלעזן אין שווייגן. יעדע מאַטעריע מוז פריער אָדער שפּעטער באַקומען איר פאָרם.

ווייל שיין מוז זיין די וועלט...

יעדער כאָאָס טראָגט שוין אין זיך די קומענדיקע אויסגעקלאָרעוועטקייט, געזעצטקייט, געשטאַלט־אויפגאַנג. ווייל שיין מוז זיין די וועלט...

אין דעם ערשטן טאָג פון איר באַשאַף האָט באַלד איבער דער פינצטערניש, וואָס איז געהאַנגען אויף דעם אָפּגרונט, האָט באַלד איבער דעם תוהו־ובוהו געשוועבט דער גייסט פון גאָט...

ווייל חושך קאָן נישט זיין אייביק. ווייל תהום־שרעק איז נאָר אויף אַ צייט. ווייל ליאַרעם האָט אַ קורץ לעבן. ווייל אומרואיקייט מוז אויפהערן.

אייביק איז די שטילקייט: זי לעבט־איבער יעדן ליאַרעם... אייביק איז די גוטסקייט, די טרייסט: זי איז ייִנגער פון יעדן פחד און עלטער פון אים... אייביק איז די רואיקייט: זי זעט אין אַלע רואיקייטן גאָטס אַ שמייכל... אייביק זײַנען די שיינע געפּאַרמטקייטן: יעדע תוהו־ובוהו איז פול מיט בענקשאַפט נאָך זיי...

2.

איך רייד אַזוי פיל וועגן געשריי און שטילקייט, ווייל איך וויל דאָ ריידן וועגן י. מ. ווייסענבערגן.

ווער איז ווייסענבערג? וואָס איז זיין אייגנס? צולהכעיס דעם מלאך־המות, וואָס מאַכט פון קיינעם נישט קיין וועזן און ווייסט נישט פון קיין יחוס, גראָבט מען דווקא אויס נאָכן טויט פון אַ מענטש פאַרשידענע מעלות. וועגן ווייסענבערגן האָט מען אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט: קלאַסיקער. און אין אַ געוויסער מאָס איז עס ריכטיק אויך.

אָבער צו די עיקר־סימנים פון אַ קלאַסיקער געהערן אויך: ספּעציעל דורך אים געבראַכטע מתנות, אָנגעצייכנטע גרענעצן פון אַ באַזונדערן קעניגרייך...

מ'וואָלט עס געקאָנט אַזוי זאָגן: שוואַכערע שרייבער דאַוונען שטענדיק מיטן מנין; אָריגינעלע דיכטער דאַוונען „פֿאַר זיך“; אַ קלאַסיקער שעפּטשעט אַ תּפֿילה, וואָס קיינער ביז אים האָט זי נישט געזאָגט...

וואו איז דאָס נייע, וואָס וויסענבערג האָט געליפֿערט?

איך מיין, אַז וויסענבערג האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם געשריי, די ליאַרעמדיקייט פֿון זיינע העלדן. נישט בלויז מען הערט זיי, נאָר דורך דעם געפּילדער זעט מען זיי...

זיין רבי י. ל. פּרץ איז געווען צו אַריסטאָקראַטיש, ער זאָל שרייען. זיין חבר אברהם רייזען איז געווען צו גוטמוטיק, ער זאָל מאַכן אַ געשריי. זיין חבר ה. ד. נאָמבערג איז געווען צו רעזיגנירט, ער זאָל אָנשלאָגן שרייענדיקע טענער. זיין חבר שלום אַש איז געווען (ווייניקסטנס אין יענער צייט) צו ליריש ער זאָל זיך ברייט און גראָב פֿאַנאַנדערשרייען.

וויסענבערג איז געקומען מיט דער ריכטיקער פּאַרציע ליאַרעמדיקייט. ער האָט געוויזן, ווי מען רייסט זיך פֿאַר די קעפּ, מען מחלוקהוועט, מען באַליידיקט זיך, מען וואַרפֿט זיך פֿאַר אַלטע און נייע חטאים, עוולות אייגענע און פֿרעמדע, חרפּות פֿון זיך און בזיונות פֿון משפּחה, מען שרייט זיך אויס פֿלעשלעך רויטס „אין דער ערשטער נאַכט“ און מאַמעס אָפּגעשמיסענע דורך קאַזאַקן און נאָך אַזעלכע יחוס־בריוו. און איבער דעם אַלעם בליצן קללות, דונערן קללות, שנייט מיט קללות, רעגנט מיט קללות. צען מעסטלעך שעלטונגען זיינען אַראָפּ אויף דער וועלט; ניין מאָס האָט גענומען וויסענבערג, איינע — די איבעריקע יידישע ליטעראַטור. נעמט זיך די מי און קלייבט צונויף די ווינטשונגען כאַטש פֿון אַן איינציקער נאָוועלע: „די שלעכטע פּרוי“, און איר וועט האָבן אַ גאַר נישקשהדיקע פֿאָלקסטימלעכע תּוכחהלע.

דער אַרטיזם איז אין דעם, וואָס קיינע פֿון די פֿלוכן איז נישט איבעריק. דאָס זיינען אַזעלכע שפּרוכן, וואָס מיט זיי רופֿט מען אַרויס און מען מאַכט לעבעדיק אַ מענטש און נאָך אַ מענטש.

ווער עס צייכנט מיט שוואַרצן קויל — ווייסענבערג צייכנט פיגורן מיט שוואַרצע קללות...

און שעלטן זיי נישט, טוען זיי עפּעס בעסערס. מען וואַרפט טעלערס און שיסלען („שלעכטע פּרוי"), מען וואַרפט שטיינער צו יענעם אין שטוב („אַ חוב"), מען האַקט אויס אַלע שויבן אין אַ פרעמדן פענצטער („קריינדעלע"). הכלל, מען שוויגט נישט.

און שוויגן זיי יאָ, הערט מען טאַקע גאָרנישט, אָבער מען שפּירט, מ'האָט פולע באַזולעכער מיט שוועבל...

וואָס קאָן מען האָבן צו אַזאַ „רבקהלע"? זי שוויגט דאָך שוין. און וואָס־זשע, אַז זי זאַמלט צונויף אַ גאַנצן פּאַק גרעט? זי שוויגט דאָך! און זי שטייט ביי דער באַליע און וואַשט מיט אימפּעט, מיט התמדה און שוויגט. אַ סאָליד, באַלעבאַטיש, שטיל ווייבעלע, נישט אמת?...

און דער אַלטער, וואָס ליגט אין בית־מדרש, ווער דאַרף זיך צערע־מאָניען מיט אים? אַ זקן, אַ שוואַכער, אָן עלנטער, אָן משפּחה, אָן פריינט, צעבראָכן פון צרות און פון יאָרן, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן פאַר אַזעלכן?

און די האַלב צעחושטע, וואָס לאָזט מיט זיך טאָן אַלץ, וואָס די מאַרעוויכערישע שלעפער גלוסט זיך נאָר? איז זי דען מער ווי אַ שטיק ליים, וואָס אַלע טרעטן דערויף? מער ווי אַ לעבעדיק־טויטע זאַך?

יאָ, ס'איז שטיל, געמיטלעך איז, זיכער איז אַרום און אַרום. אָבער אין דער לופט פון דער דאָזיקער שטילקייט וואָלט מען אויס־מאָלן באַדאַרפט אַ סקעלעטן־קאָפּ, פּונקט ווי אויף פעסער מיט אויפ־רייס־מאַטעריאַל: „ריר זיך נישט צו, ס'איז אַ סכנה...".

דאָ איז אַ געפאַר פון טויט — אויב שטאַרקע, און אויב שוואַ־כע — איז אַ געפאַר פון לעבן....

3.

אַ פּאָר פאַרגלייכן. שלום אַש האָט אַ שטעטל און ווייסענבערג האָט אַ שטעטל.

ביי אַשן — קינדערישע פרישקייט, זאַטע פרייד, וואָס לאַכט ווי

דער מענטש, און דער מענטש בענשט די וועלט, וואָס איז אַזוי גליק־לעך, אַזוי שיין און אַזוי שטיל.

ביי וויסענבערגן איז דאָס שטעטל אויפגעבראַכט, צעיאָכמערט, אומצופרידן־אויפגעטרייסלט, ברוגזדיק־הילכיק, קולי־קולותדיק, רייסנ־דיק, אַפילו שיסנדיק...

אַן אַנדער פאַרגלייך: דער בעטלער־מאָטיוו. מענדעלי מוכר ספרים האָט דאָך עפּעס אָוועקגעלייגט אַ שפּאַר ביסל אַרבעט אויף די בעטלערס, האָט געשריבן גאַנצע בעטלער־עפּאָפּייען. און ער האָט זיי אויסגעצייכנט געקענט. אַליין אין דער יוגנט מיט זיי אַרומגעוואַנדערט. און פיינט געהאַט האָט ער זיי בתכלית שנאה. און געוואָרן זיינען זיי פאַר אים אַ סימבאָל פון אומווירדיקייט, אָפּשטויסנדיקייט, שעדלעכקייט, שטראָפנדיק אויף זיין שטייגער דעם כלל־ישראל, איז דאָס שרעקלעכ־סטע וואָרט, וואָס ער האָט אים אָנטקעגנגעוואָרפן: „די יידישע טאַרבע".

און דאָך איז קיין כעס, קיין גיפטיקייט נישטאָ. ער האָט פאַר זיי געגוג מילדקייט, וואו־נישט־וואו רייסט זיך סימפּאַטיע פון אונטער דער דערציילערישער פען. אַמאָל ווערן זיי אַפילו אַזוי אידעאַליזירט, אַז איינער פון אונדזערע שריפטשטעלער האָט זיך דערטראַכט צו דער גוזמא אָנצורופן „פישקע דעם קרומען" — „דער יידישער פרינץ"...

וויסענבערג האָט פאַר די בעטלערס קיין איין גוט וואָרט נישט, קיין איין גוטן בליק. סיי „דער שוואַרצער", סיי „דער געלער", די אָנפירער און פאַרשטייער פון דער בעטלער־געזעלשאַפט, — טונקעלע פאַרשוינען זיינען זיי, אויסוואורפן, קעשענע־גנבים, מענטשנכאַפּערס. מען טאָר זיי אין אַ יידישער שטוב נישט אַריינלאָזן.

ווייל איינער אַ מצוה טאָן און נעמט אַזאַ חברה־מאַן צו זיך אויף שבת, זיינען איינגעשטעלט די חלות, די בעכערלעך, די גאָפּלען, די לעפל. אַלץ איז עלול אומגעריכט זיך איינצובירגערן אין די לאַנגע טאַרבע־קעשענעס פון דעם פיינעם „אורח". שוין דער אויסערלעכער קוק פון דעם בעטלער האָט אין זיך פון אַ דעמאָן. נישט אומזיסט שרעקן זיך פאַר זיי פרויען און קינדער.

אינטערעסאַנט: מענדעלי, וואָס האָט זיך נישט שלעכט אַן עצה

געגעבן און האָט געהאַט אַ סך מאַטעריעל־פאַרזאָרגטע גוטע יאָרן, האָט פיינט געהאַט דעם בעטלער־פּאַך, אָבער דעם בעטלער גופא האָט ער געהאַלטן פאַר אַ מענטש. ווייסענבערג, וואָס זיין גאַנץ לעבן האָט געבלוטיקט, דורכגעשטאָכן מיט די שפּיציקע נעגל פון אָרימקייט און נויט, גראָד ער האָט אין די מענטשן, וואָס לעבן פון נדבות, געזען — שדים...

אָבער אוממענטשלעכקייטן, ברוטאַלקייטן, קללות און חרמות, פליאָטקעס און בלבולים, פּנימער־דראַפּען, פאַר די האָר זיך כאַפּן, טעלערס האַקן און ציגל וואַרפן — דאָס איז שיטערע בלאָטע, וואָס גיסט זיך דורך דער וועלט, און פעסטע קונסטמויערן קאָן מען דערפון נישט אויפשטעלן. און אויב ווייסענבערג האָט עס יאָ באַוויזן, איז עס דערפאַר, וואָס אונטער די געשרייען האָט ווייסענבערג געטראָפן ליגן די שטיל־קייט אַ פאַרחלשטע, האָט ער נאָך העכער געשריען, זי אויפצומונטערן...

דאָס איז דערפאַר, וואָס מענטשן, אַפילו די טומלדיקסטע, האָבן נישט ליב דעם טומל; זיי ווילן צופרידענע, רואיקע שוויגן ווי ביימער און וואַקסן ווי ביימער, נאָר וואָס זאָלן זיי טאָן, אַז ווינטן לויפן איבער זיי און זיי מוזן רוישן...

דאָס איז דערפאַר, וואָס אַמאָל שעלטן מענטשן, ווייל אויף זיי הענגט דער פלוך פון אומרואיקייט, ווילן זיי זייער קללה פאַרשטעלן...

* * *

רבקהלע איז די פאַרקערפּערונג פון שלעכטס. אָבער לייענט אויפ־מערקזאַם די נאָוועלע און איר וועט דערזען די גענעצע פון איר ווילד־ווערן. איר'ט באַגרייפן, אַז אין אַט דער שלעכטער פרוי איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ גוטע פרוי. די סיבה? זי האָט נישט געפונען, וואָס זי האָט געוואָלט. זי פילדערט, נישט ווייל זי האָט ליב צו אַוואַנטורעווען, נאָר ווייל זי האָט געוואָלט — שטילקייט...

אַ ביסל צו לאַנג האָט זי זיך געזאַמט אין גאַס. קומענדיק אַהיים, האָט דער מאַן איר פאַרוואָרפן געמאַכט. און ווערטער אַ פּאָר האָבן

זיך אים אַרויסגעכאַפּט: „בּיים טייך ביסטו געווען? אַזוי לאַנג געזעסן. האָסט שוין געדאַרפט אַלצאיינס אַריבערגיין איבער דער בריק צו די קאַזאַרמעס. וואָלסטו כאָטש געגעכטיקט אין די קאַזאַרמעס"... געוויס איז דאָס נישט קיין זייער אידל אָנצוהערעניש. אָבער ווען אַ מאַן גיט אַזאַ זאָג אין אַ מינוט פון אויפגערעגטער אומבאַרעכטיקטקייט, איז עס ווידער נישט אַזאַ גרויס אומגליק.

אָבער דער גרעסטער שליסל איז נאָך אַלץ אַ ווינציקייט אין פאַר־גליך מיט דער טורמע, וואָס ווערט מיט אים געעפנט... נאָר אַ וואָרט האָט דער מאַן געברויכט. אָבער דעם כף־הקלע איז גאָרנישט אַזוי שווער אויפצומאַכן. שפּעטער וויל ער שוין פאַרגלעטן, זוכט תחבולות זי איבערצובעטן. עס העלפט נישט. דער גיהנם שטייט שוין אָפן.

וואָלט ער דאָס וואָרט אַראָפּגעשלונגען, נישט געבראַכט עס פאַרן מויל, וואָלט דער שטילקייט איר רעכט געטאָן געוואָרן, וואָלט זיך די שטילקייט נישט צעבייזערט. אַ צופרידענע וואָלט זי געשוועבט איבער די קעפּ פון דעם פּאָר פאָלק. אהרן אַ גוטער און מילדער מאַן, רבקהלע — אַ וואוילע און ליבע באַלעבאָסטע.

האָט אָבער דאָס שפּיציקע וואָרט די שטילקייט דורכגעשטאָכן. אַ צעבלוטיקטע האָט זי זיך נוקם געווען... מידה כנגד מידה באַצאָלט. דאָס וואָרט האָט מען געקאָטעוועט מיט ווערטער־שטעקנס...

און נאָכדעם, אַז די שכנטע, די גראָבע שפּרינצע מיטן צעפלאַמטן טערקישן פּנים, וואַרפט רבקהלען פאַר די פיס דעם אייזערנעם טאָפּ מיט אַ ברכה: „מיינע שונאים זאָלן אַזוי צעשפּאָלטן ווערן, ווי דער טאָפּ איז צעשפּאָלטן" — איז דאָך עס אויך אייגנטלעך אַ קלייניקייט. נאָר וואָס איז אויף דער וועלט „קליין" און וואָס איז „גרויס"? אַ קינד, וואָס וויינט צוליב אַ פאַרצעלייען ליאַלקעלע איז דען ווייניקער פאַר־צווייפלט ווי דער פאָטער, וואָס טרויערט צוליבן פאַרלירן אַ מסחר פון אַ גרויסן וואַלד?...

געוויס איז עס אַ נאַרישקייט. אָבער עס ווענדט זיך פאַר וועמען, ווי אַזוי איינער קוקט דערויף. שלום־עליכם, למשל, האָט געהאַלטן, אַז פון אַזאַ ווייבערישן דועל צוליב אַ צעבראָכענעם טאָפּ קאָן מען